# א אידישע טראיקע

# A YIDDISHE TROIKE





## אַ אידישע טראָיקע

(תשובה, תפלה וצדקה)

פון

**ש. פרוג**

---

## A YIDDISHE TROIKE

By SH. FRUG

Volks motiv, arranged by

J. M. RUMSHISKY

HEBREW PUBLISHING CO.
50 ELDRIDGE ST NEW YORK

J. KELLER

# A Yidishe Troike

Words by
SH.FRUG

Volks motiv
*arr. by J. M. Rumshisky*






Copyright 1917 by The Hebrew Publishing Co. N.Y.


hir shen a por a lem pert a leib in der mi ten der
kut sher nemt bald die lei zen in hand nu kin der lach le be dig
f
p
frei lach dem shli - ten chapt auf mit a mohl wie a brand shteh
hail sich nit wart, wart pa me lach; dem shli - ten chapt auf mit a mohl wie a brand shteh
1
D. C.
2
hail sich nit wart, wart pa me lach.
D. C.

# צווײ טראָיקעס

א.

דער שנעע איז געגאַנגען צווײ טעג נאָכאַנאַנד־
אַ שליט־וועג אַ חיות געוואָרען,
די פערדעלאַך שטעהען אין שליטען געשפּאַנט,
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיג צום פאָהרען.

אי! פערדעלעך־חיות! נו, זעץ זיך און פאָהר! —
מיט צאַצקעס געטאַקט איז דער שליטען;
צווײ פערד פון די זייטען — ווי הירשען א פּאָאַר,
א לעמפּערט, א לייב אין דערמיטען.

דער קוטשער נעהמט באַלד אַלע לייצען אין האַנד:
— „נו, קינדערלאַך, לעבעדיג, פרעהליך!"
דעם שליטען כאַפּט אויף מיט אַמאָל ווי א בראַנד...
— שטעה, אייל זיך ניט, וואַרט־וואַרט, פּאַמעליך!

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי א פויגעל, א ווינד,
א פייל פון'ם בויגען, א וויכער,
זיי לויפען, זיי שוועבען, — זיי פליהען, געשווינד,
וואָס ווייטער — אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי א לאַקשענבערעט גלאַט,
די זון שיינט פון אַלע פיער זייטען,
דער קוטשער — א מזיק, די פערדעלאַך — זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

פאָהרט, פריצים, קאַטאַיעט זיך, — גליקליכע טעג!...
נאָר וואַרט נאָר, וואָס איז דאָס? פּאַסטאַי־קאַ!
ווער קריכט דאָס דאָרט? איי! איי! אראָפּ פון'ם וועג!...
— דאָס שלעפּט זיך די אידיישע טראָיקאַ...

---

ב.

א וואָגען — א פּאַלאַץ! — די בויד איז געוועבט
פון גאַנצע תרי"ג אַלטע שטיקלעך,
די אַקסען מיט וואַקס פון הבדלה געקלעבט,
די רעדער געבונדען מיט שטריקלעך.

דרײ קליאַטשעס — דרײ אָדלערס! דרײ לייבען, א שרעק!
זיי שפּרינגען, נו טאַקע ווי זשאַבעס...
ישׂראל'יק פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט אָהן אַן עק, —
אַהיים צו פאַספּייען אויף שבת...

אַהיים... אוי, ווי ווייט נאָך, ווי ווייט איז זיין היים!
ווי שווער, געביך, איז די נסיעה:
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים,
כאַטש טרענק זיך, כאַטש קריך אויף דער תליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעשטשעט דער סכך,
די זאַוויעסקעס סקריפּען און קנאַקען,
אָט, אָט איז א גרוב, א פערזינקעניש — טראַך!
ער פליהט און צוברעכט האַלז און נאַקען...

נאָר האָט ניט קיין מורא: ישׂראל'יק איז קלאָר,
איז בקי אין הלכות עגלה;
ער שלעפּט זיך דאָך שוין כמעט צווײ טויזענד יאָהר,
דאָס איז דאָך פון אייביג זיין דאָלע...

ער שלעפּט זיך דורך פעלדער און וועלדער א ים,
ער בלאָנדזשעט אין סטעפּעס, מדברות,
ער האָט שוין געפיהלט און ער ווייסט שוין דעם טעם
פון אַלערליי ביטערע צרות...

ער האָט שוין בעגעגענט אי לייבען, אי הינד,
אי לצים, אי שלענג, אי גזלנים;
עס האָט ביז אַ'ן ביין איהם געשמיסען דער ווינד,
דער האָגעל — געפּאַטשט איהם אין פּנים.

עס איז אָבער גאָר ניט געוואָרען פון דעם:
— בילם, כלבים, ער לב השמים!
זיין טראָיקע שלעפּט זיך נאָך, ברוך השם,
ער לעבט נאָך און פאָהרט נאָך עד היום!

פיעל טראָיקעס געוואָרען שוין הינקעדיג, בלינד,
פיעל גלעקלעך צובראָכען, פיעל בייטשען צוריסען;
עס איז שוין קיין זכר ניטאָ פון די הינד,
וואָס האָבען אַמאָל איהם געביסען.

עס איז ניט געבליבען אפילו דער אָרט
פון טויזענד פּאַטשטאָווע קוריערען און רייטער,
און זעהט נאָר, ישׂראל'יקס טראָיקע — זי פאָהרט,
זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

די אידיישע טראָיקע — איהר קענט זי, איהר ווייסט?
מיר האָבען אויף איהר א חזקה...
די אַלטיטשקע אידיישע טראָיקע — זי הייסט:
תשובה ותפלה וצדקה!...